בס"ד

# עונג יום טוב

גוט יום טוב אלע אידן. דאס שוועריגקייט פון לעבן פאר אידן אין שטאט לענינגראד אינטער די קומוניסטען ימ"ש איז געווען אין-לשער. פאר פרומע אידן וואס האבן געהאלטן די תורה דורך אלע רדיפות, איז דאס לעבן געווען אפילו נאך שווערער. יענע מסירות-נפש אידן האבן געלעבט מיט א טאג-טעגליכע פחד אז זיי זאלן נישט ח"ו געכאפט ווערן דורך די פאליציי. א פרומען איד וואס זיי האבן אנטפלעקט איז גלייך געשיקט געווארן קיין סיביר, השם ירחם. אין דעם קאלטן סיביר, האבן אסאך מאל די רשעים פשוט אוועקגענומען די שיך פון אידן און געלאזט זיי גיין אזוי דורך די ווינטער. פארשטייט זיך אז רוב זענען נישט אהיימגעקומען פון דארט, הי"ד. אונטער אזא שווערען דרוק, איז עס נישט קיין פלא געווען אז הונדערטע טויזענטע זענען אידן זענען ליידער אוועקגעגאנגען פון אידשן וועג, רח"ל.

הרב יצחק אייזיק קראסיק (זיין עכטע נאמען) איז אבער געווען אנדערש. ער איז געבליבן פרום דורך אלעס. נישט נאר דאס אז ר' יצחק אייזיק האט שטארק געהונגערט פאר רוחניות, אבער ער האט פשוט געהונגערט פון נישט האבן וואס צו עסן! וויבאלד אז ער האט נישט געארבעט שבת, האט ער געדארפט זוכן א נייע ארבעט יעדע וואך. צוליב דעם וואס ער האט נישט געארבעט "סטעדי" האט די רעגירונג נישט געגעבן צו אים און זיין משפחה גענוג צו עסן. אפילו דאס רעגירונג האט אים גערודפט אזוי שטארק און אפילו זיין משפחה האט געלעבט אין א מצב פון אן אייביגע פחד, האט ער זיך נאכאלץ געפירט א אידישען לעבן.

אמאל, איז ר' יצחק אייזיק אנגעקומען צו א נייען ארבעטספלאץ שבת אינדערפרי, מיט א פאלשע באנדאזש אויף זיין האנט, כדי דער מנהל פונעם פאבריק וועט אים אהיימשיקן. ב"ה אז זיין תחבולה האט ב"ה מצליח געווען, און דער מנהל האט אים אהיימגעשיקט. די נעקסטע וואך שבת ביי די נייע ארבעטספלאץ איז ער אריינגעקומען מיט טענות אז ער האט נישט גוט געפילט, וכו'. יעדע שבת איז ר' יצחק אייזיק אריינגעקומען מיט א פרישע תירוץ. יעדעס מאל האט ער געהאט עפעס א מיחוש וואס האט אים צוריקגעהאלטן פון טון מלאכה. סוף כל סוף האט דער מנהל פון דעם פאבריק אריינגערופן ר' יצחק אייזיק צו אים אין אפיס. דער מנהל האט געזאגט צו אים אז ער האט פארשטאנען פונקליך וואס ער ר' יצחק אייזיק האט געוואלט טון, ד"ה דער מנהל האט געכאפט אז ר' יצחק אייזיק איז שומר שבת.

ר' יצחק אייזיק האט געבעטן פון דעם מנהל אז ער זיך מאכן נישט וויסענדיג פון דעם. ער האט צוגעזאגט צום מנהל אז ער וועט ארבעטען דאפעלט שווער אין מיטן די וואך נאר כדי נישט צו דארפן ארבעטן שבת. דער מנהל האט רחמנות געהאט אויף ר' יצחק אייזיק פאר אפאר וואכן. אבער נאכדעם, האט דער מנהל אים אפגעזאגט פונעם ארבעט.

יעצט האט ער געדארפט זוכן א נייע ארבעט. אבער, קיינער איז נישט גרייט געווען צו פארקוקן דאס אז ר' יצחק אייזיק האט נישט געארבעט שבת. די וואכן און חדשים זענען

## פסח תשס"ז

פארבייגעגאנגען און ר' יצחק אייזיק האט נאכאלץ נישט געהאט קיין ארבעט. עס איז געווען בעפאר פסח. אנע ארבעט, האט זיין משפחה נישט באקומען קיין עסן. די משפחה האט ממש געהונגערט, ל"ע. יעדער האט געקענט זען אויף זייערע פנימער אז זיי האבן נישט געגעסן געהעריג פאר א לאנגע צייט, ל"ע.

עס איז געקומען ליל בדיקת חמץ און עס איז חל געווען אויף זיי די חיוב פון בודק זיין זייער דירה. ר' יצחק אייזיק האט געלאכט און אויך געוויינט צו זיך וועגן בדיקת חמץ. ער האט געלאכט ווייל ער האט געטראכט: ווי אזוי וועט עס זיין שייך צו זוכן חמץ אין א הויז וואו זיי האבן שוין לאנג נישט געהאט קיין ברויט אין שטוב. ער האט געוויינט ווייל פארשטייט זיך האט ער נישט געקענט פארנעמען די מחשבה אז זיין משפחה וועט נישט האבן וואס צו עסן אין פסח. אפשר, האט ר' יצחק אייזיק געטראכט, איז ער פטור געווען פון בדיקת חמץ. אפשר איז זיין הויז געווען נעבאך א "מקום שאין מכניסין בו חמץ!"

א שוועסטערקינד ר' מאיר דאברובסקי איז אריבערגעקומען צו זיין דירה, וואו זיי האבן דורך געשמועסט דער שאלה צי ער זאל מאכן דעם בדיקת חמץ, אדער נישט, ווען ביידע האבן געוואוסט אז עס איז נישט געווען קיין ברויט אין שטוב. זיי האבן עס דורכגעטראכט און געקומען צו די מסקנה אז ר' יצחק אייזיק מוז טון די בדיקה סיי ווי, ווייל אזוי האט דער באשעפער פארלאנגט פון די אידן.

עס איז געקומען ליל בדיקת חמץ, און ר' יצחק אייזיק האט געדארפט בודק זיין דעם הויז. ווען עס איז געווארן טינקעל, האט ער אריינגעקוקט אין דעם "מעגל," געמאכט אלע הכנות, אנגעצינדען א לעכט, גענומען דעם זאגער, און דעם פעדער וכו' און דאן האט ער גענומען בודק זיין אלע שטובער. ער האט נישט געהאט אפילו די צען ברעקלעך (פון "נר מצוה ©") ארויסצולייגן.

ווען ער האט כמעט געענדיגט בודק זיין אלע שטובער, האט ער געזען עפעס... ניין, עס קען נישט זיין... דא? פון וואו איז עס געקומען? ער האט זיך דערנענטערט מיט דעם לעכט כדי צו מאכן זיכער אז דאס איז עס... יא! יא! ער האט אנגעהויבן צו זינגען און טאנצען. זיין משפחה איז אריינגעקומען צו זען ווי זייער טאטע האט ארומגעטאנצט מיט א גרויסע בולקע אין זיין האנט!" דערנאך איז צוזאמענגעקומען די משפחה צו עסן א "בדיקת חמץ סעודה." זיי האבן מקיים געווען א טויזענטע יאר אלטיגע מנהג, און יעצט האבן זיי טועם געווען אביסל פון דעם שכר. ר' יצחק אייזיק און זיין משפחה האבן קיינמאל נישט פארגעסן דעם מוסר וואס זיי האבן געלערנט יענע נאכט. א איד וואס טוט וואס די תורה הייסט פון אים, באצאלט אים דער אייבערשטער דעם שכר.

ווען די אידן זענען ארויסגעקומען פון מצרים, האבן זיי נישט מיטגענומען אסאך זאכן. נאר וואס? זיי האבן זיך שטארק געגלייבט אז דער באשעפער וועט זיי געבן אלעס וואס זיי וועלן דארפן אין מדבר. "ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם." **גוט יום טוב אלע אידן!**


**מערכת "עונג שבת" מאחלת "א כשר און פרייליכען יום טוב אלע אידן!"**

לע"נ ר' שמואל עמרם בן ר' משה דוד ע"ה

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף קארן הי"ו לרגל שמחת הנחת התפלין של בנו פינחס נ"י

נתרם לרפו"ש מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה